## זינגען די מויערן די אייביק באַוואַכטע

### I. וויפֿיל וועלט און ווינט

וויפֿיל וועלט און ווינט גייט אַרויף
אויף איינײנציקן געזיכט?
ווינציק. ווי אַ טרער מיט נאָך אַ טרער.

און וואָס איז זון?
אַ מעסטל ליכט.
נישט מער.

נאָר זעט איר אַלע אויף די גאַסן
דעם מענטש, דעם שר,
וואָס גייט און קעניגט
צווישן וואָלקן און טראָטואַר?

וואָס קאָן זיין הייליקער?
וואָס קאָן זיין שענער?

אָבער אין אונדזערע קאַמערס
פּאַטשן די טעג
מיט פֿאַרצווייפֿלטע פֿליגל
ווי געבונדענע הענער.

### II. צווייגלעך

אָפּגעבראָכענע אונדזערע נעכט,
ווי צווייגלעך פֿון אַ נאָדלבוים,
וואָס דער שוידער איז אים פֿרעמד
פֿון בליען און פֿאַרגיין.

### III. אויסגעליידיקט

לאָמיר אַרויסשיקן שליחים
אויף די גרויסע לאַנד-יאַרידן
איינזאַמלען אַלע טריט
אונדזערע פֿריערדיקע טריט

אויף רענדלעך גילדענע פֿון זון,
אונטער לופֿט-קושן פֿון ווינט;

אונדזערע פֿריערדיקע טריט,
וואו זײַנען זיי אַנטרונען ?

איצט זײַנען מיר אויסגעליידיקט,
ווי אַ קינד, וואָס זעט אין שלאָף
בערג מיט שפּיצן פּורפּורנע
שיפֿן זיך אויף טייכן מילך
אונטער בריקן פֿון שאָקאָלאַד.
— — — — — — — — — — — — — — — — —

האָט זיך אַ קאַץ אַרײַנגעגנבעט,
דעם קינד די אויגן אויסגעשטאָכן.

-----------------------------------
**פֿאָלקסצײַטונג 7.ז**
**28.9.1938**